NEW

# לקוטי שיחות

NASSO נשא

VOLUME 2, P. 311–314

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# NASSO | נשא

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud Shvat,* 5713 (1953)

## Introduction

Marriage creates an entirely new identity – a transformative union where two people become something greater than the sum of their parts. This profound bond imbues every action of either party with a weight that extends beyond the immediate consequences that would be involved were they not married.

In the *sichah* that follows, the Rebbe discusses the concept of a *sotah,* a woman suspected of immorality – but with the emphasis on her being married. Of course, the Torah disdains immorality, but here something deeper is involved – the marriage bond. Were the woman single, the laws of a *sotah* would not apply. The depth of the marriage relationship amplifies the spiritual dynamics at stake.

Similarly, because Jews share a marriage bond with G-d, the spiritual dynamics of every act each Jew carries out to be seen within the context of this intimate relationship.

# G-d's Bride, Whom Impurity Cannot Touch

## Learning to Extrapolate

**1.** In his renowned *maamar* entitled *Basi L'Gani,*[1] my revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, explains the concept of *shtus* ("folly") *d'leumas zeh* ("of the opposite side"),[2] citing the verse,[3] *Ki tishteh ishto...*, "Should his wife stray...," as an example of this type of folly.

In general, the terminology used in *Chassidus* is extremely precise. When a verse is cited as a proof or example, it is not merely to display scholarship, but to demonstrate that the verse has a connection to the concept under discussion.

At first glance, the connection of the verse, "Should his wife stray...," to the concept of the folly of the opposite side – the concept the Rebbe Rayatz seeks to illustrate from this verse – is straightforwardly understood. Our Sages[4] cite this verse as a prooftext for their teaching, "A person will not violate a prohibition unless a spirit of folly enters him."

However, this very point requires clarification; there are many Talmudic teachings for which no prooftexts are brought. This compels us to say that the verse, "Should his wife stray...," has a particular connection to the concept that "a person will not violate a prohibition unless

א. אִין דֶעם מַאֲמָר בָּאתִי לְגַנִּי[א] פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר, אִיז עֶר מְבַאֵר דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה, אוּן בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָה פוּן דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ[ב].

בִּכְלַל אִיז אִין חֲסִידוּת יֶעדֶער וָואךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אוּן אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַ רַאְיָה פוּן אַ פָּסוּק, אִיז דָאס נִיט אוֹיף צוּ וַוייְזְן בְּקִיאוּת, נָאר דָאס אִיז אַ בַּאוַוייְז, אַז דֶער פָּסוּק הָאט אַ שַׁייְכוּת צוּ דֶעם עִנְיָן.

לִכְאוֹרָה אִיז דִי שַׁייְכוּת פוּן פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ צוּ דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה (וָואס אוֹיף דֶעם עִנְיָן בְּרֶענְגְט עֶר אַ רַאְיָה פוּן פָּסוּק), פַארְשְׁטַאנְדִיק אִין פַּשְׁטוּת, ווָארוּם דִי דְרָשַׁת רַזַ"ל[ג] אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת, אִיז פוּן פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ.

אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען דָאס גוּפָא פַארְשְׁטֵיין, ווָארוּם עֶס זַייְנֶען דָאךְ פַארַאן אַ סַךְ מַאֲמָרֵי רַזַ"ל וָואס מֶען בְּרֶענְגְט נִיט אוֹיף זֵיי קֵיין רַאְיוֹת פוּן פָּסוּק. מוּז מֶען זָאגְן, אַז דֶער פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שַׁייְכוּת צוּ דֶעם עִנְיָן פוּן אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה כו',

1. The *maamar* entitled *Basi LeGani,* 5710, sec. 3.

2. *Leumas zeh,* translated as, "the opposite side," is a term that derives from *Koheles* 7:14, "G-d has made one corresponding to – or opposite – the other." The underlying concept is that everything that exists in the sphere of holiness has a corresponding quality in the non-holy framework of existence. Parallel terms are *sitra achra,* literally, "the other side," and *kelipah,* a "shell" or "peel."

3. *Bamidbar* 5:12.

4. *Sotah* 3a.

a spirit of folly enters him." As such, **it is necessary to understand what that connection is.**

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דִי שַׁיְיכוּת.

**Even more puzzling** is a logical problem that arises from our Sages' teaching:

There is a general principle in Talmudic logic,[5] **"200 includes 100,"** i.e., a principle of more encompassing relevance includes a similar principle of lesser relevance. **However, 100 does not include 200,** i.e., when the principle used as the foundation is specifically limited, a more encompassing principle cannot be derived from it.

Now, our Sages sought to teach **that "a person will not violate a prohibition unless a spirit of folly enters him" – not only concerning severe transgressions for which one is liable for *kareis* ("excision")[6] but concerning every transgression, even a minor Rabbinical detail.**[7] Moreover, their teaching includes **even** situations where one violated the prescription, **"Sanctify yourself in what is permitted to you,"[8] for *Tanya*[9] explains** that failing to **sanctify oneself** in such situations violates **G-d's will.** Accordingly, it is difficult to understand **why** our Sages use the verse, **"Should his wife stray…,"** which refers to **a severe transgression,** to illustrate a concept applying to all transgressions. **Seemingly, this is** an example of **100 including 200,** i.e., using a more specific principle to derive a more general one. The fact that this verse is, nonetheless, cited as a prooftext implies that it has an intrinsic connection to the concept that "a person will not violate a prohibition unless a spirit of folly enters him."

נָאךְ מֶער אִיז נִיט מוּבָן - עֶס אִיז דָאךְ: יֵשׁ בִּכְלַל מָאתַיִם מָנֶה[ד], אָבֶּער בִּכְלַל מָנֶה אִיז נִיטָא קֵיין מָאתַיִם. בְּמֵילָא, בְּשַׁעַת מֶען ווִיל בְּרֶענְגֶען אַ רַאְיָה אַז אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת, וָואס דָאס אִיז נִיט דַוְקָא קֵיין הַארְבֶּע עֲבֵירָה וָואס מֶען אִיז חַיָּיב אוֹיף אִיר כָּרֵת, נָאר יֶעדֶע עֲבֵירָה, אֲפִילוּ אַ דִקְדוּק קַל שֶׁל דִּבְרֵי סוֹפְרִים[ה] אוּן אֲפִילוּ דֶער עִנְיָן פוּן קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בְּמוּתָּר לָךְ[ו], וָוארוּם אִין תַּנְיָא[ז] ווֶערְט דֶערְקְלֶערְט דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם, ווַיְיל עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן, אוּן דָאס אִיז דָאךְ אוֹיךְ אִין קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בְּמוּתָּר לָךְ, אִיז פַארְווָאס בְּרֶענְגְט מֶען אַ רַאְיָה פוּן דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ, אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עֶס אִיז דָאךְ אֵין בִּכְלַל מָנֶה מָאתַיִם?

## Being a Proper Wife

**2. The connection between** the principle, **"A person will not violate a prohibition** unless..." **and** the verse, **"Should his wife stray…," is twofold:**

ב. דִי שַׁיְיכוּת פוּן אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה צוּ כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ אִיז אִין צְווֵיי עִנְיָנִים:

**First, the law** applying **to a wife who strays refers** specifically **to a married woman.** Only **a married woman becomes a *zonah*[10] through forbidden inti-**

א) דֶער דִין פוּן כִּי תִשְׂטֶה גו' אִיז בַּיי אַן אֵשֶׁת אִישׁ, אוּן דַוְקָא אַן אֵשֶׁת אִישׁ ווֶערְט מִיט דֶער

5. *Bava Kama* 74a, *Bava Basra* 41b.

6. Premature death at the "Hand of Heaven."

7. *Yevamos* 20a, *Nidah* 12a.

8. See *Yevamos,* loc. cit.

9. *Tanya,* ch. 24.

10. See *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 53c.

**mate relations, not an unmarried woman. True, Rabbi Eliezer maintains that even an unmarried man who has relations with an unmarried woman is categorized as a *zonah*. However, his is merely a minority opinion and the *halachah* does not follow his view.[11] In other words, the reason** the woman's **transgression is so severe is** specifically **because she is a married.**

**The same idea applies concerning the** principle **that "a person will not violate a prohibition** unless...." All transgressions **cause a person to become separated from G-dliness. The reason why every transgression** – an act of separation – **even a minor one is so severe is because the Jewish people are G-d's "wife,"** as it were, **as will be explained below.**

**The *Zohar*[12] relates that a philosopher** once **asked Rabbi Elazar, "Since the Jews are the chosen people, why are they weaker than all other nations [and, therefore, required to restrict their diet]?"**

**Rabbi Elazar answered, "This very fact proves the point: Because they are the choicest of all** peoples, **they cannot tolerate any kind of impurity, the spiritual counterpart to creeping creatures and insects.** Consequently, **they cannot tolerate such** impurity **in physical** matters **either."**

**This parallels what was discussed** previously **(in the *maamar*)[13] that, although calling** G-d **"the G-d of gods"[14] does not constitute rebellion for non-Jews,[15] the Jews** are forbidden to relate to G-d in this manner. **Since they are on a higher level,**

בִּיאָה אַ זוֹנָה[ח], אָבֶּער נִיט אַ פְּנוּיָה (הֲגַם רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַאלְט אַז אֲפִילוּ פָּנוּי הַבָּא עַל הַפְּנוּיָה עֲשָׂאָהּ זוֹנָה, דָאס אִיז אָבֶּער מֶער נִיט ווִי אַ דַעַת יָחִיד, אוּן דִי הֲלָכָה אִיז נִיט אַזוֹי[ט]), דָאס הֵייסְט אַז דֶער טַעַם פַארְוואָס דִי עֲבֵירָה אִיז אוֹיף אַזוֹי פִּיל נוֹגֵעַ אִיז ווַיְיל זִי אִיז אַן אֵשֶׁת אִישׁ. אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה כו׳, וואָס דוּרְךְ דֶעם ווֶערְט עֶר דָאךְ אַ נִפְרָד פוּן אֱלֹקוּת, אִיז דֶער טַעַם וואָס יֶעדֶער עֲבֵירָה, אֲפִילוּ אַן עֲבֵירָה קַלָּה אִיז אוֹיף אַזוֹי פִּיל נוֹגֵעַ, ווַיְיל אִידְן זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אִשָּׁה, ווִי ווַיְיטֶער דֶערְקְלֶערְט.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר[י] אַז אַ פִילוֹסוֹף הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי אֶלְעָזָר׳ן, ווִיבַּאלְד אַז אִידְן זַיְינֶען דֶער עַם הַמּוּבְחָר, פַארְוואָס זַיְינֶען זֵיי שְׁוואַכֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער? הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז הִיא הַנּוֹתֶנֶת: ווִיבַּאלְד זֵיי זַיְינֶען דֶער מוּבְחָר פוּן אַלֶעמֶען, קָאנֶען זֵיי נִיט סוֹבֵל זַיְין קֵיין פְּסוֹלֶת, אַזוֹי ווִי שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים, אִין רוּחְנִיּוּת, וּבְמֵילָא קָאנֶען זֵיי דָאס נִיט סוֹבֵל זַיְין אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיּוּת.

- אוּן דָאס אִיז אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶערֶעדְט (אִין מַאֲמָר[יא]), אַז כָאטשׁ בַּיי אוּמּוֹת הָעוֹלָם אִיז דָאס וואָס קָרוּ לֵיהּ אֱלָקָא דֶאֱלָקַיָּא, הֵייסְט נִיט קֵיין מְרִידָה[יב], אָבֶּער בַּיי אִידְן, ווִיבַּאלְד זֵיי זַיְינֶען הֶעכֶער, דֶערְפַאר אִיז מִיט

*Zonah* is a *halachic* term, literally translated as "harlot," but in the context of Jewish Law, refers to a woman who engaged in intimate relations with a man she is forbidden to marry. See *Rambam, Hilchos Issurei Bi'ah* 18:1.

Although the *sotah* rite is relevant only regarding a married woman, all intimate relations outside the framework of marriage are forbidden. See *Rambam, Hilchos Ishus* 1:7.

11. ***Yevamos*** **61b.** See ***Rambam,*** **loc. cit., 18:2.**

12. ***Zohar,*** **Vol. III, p. 221a.**

13. The Rebbe is referring to **the *maamar*** entitled ***Basi LeGani,*** 5713 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Basi LeGani,* Vol. 1, p. 76, *Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 2, p. 285), that was delivered at the same *farbrengen*.

14. The term is used in *Menachos* 110a.

15. Regarding the permissibility for non-Jews to relate to G-d in this manner, **see *Rama, Orach Chayim* 156 and the *maamar* entitled *Mayim Rabbim* 5717** (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat*, **Vol. 1, p. 321, and the footnote there).**

**any** spiritual compromise, even a **minor transgression, causes them to be completely separated from G-dliness.** Indeed, when they turn away from Him, their **separation is greater than** even that of the forces of ***kelipah*** **and** ***sitra achra.***[16]

**The Jewish people are compared to the heart.**[17] **Just as the heart, because it is the choicest of all organs, cannot tolerate any impurity, even of the most refined form, similarly, the Jewish people** cannot bear any spiritual impurity.

**With this** understanding, **we can** now **comprehend the connection between the verse, "Should his wife stray…" and** our Sages' teaching, **"A person will not violate a prohibition** unless..."

**The Jewish people are G-d's "wife."** That is, metaphorically, **G-d is the husband and the Jewish people are His wife. Their** intimate relationship exists **at all times, even during the** era of **exile. The difference between the present era and the Ultimate Future is that now G-d is** referred to as ***ba'ali*** ("my master") **but, in the future, He will be referred to as** ***ishi*** ("my husband").[18]

This ongoing relationship is reflected in a Talmudic passage that relates an interchange between the Jewish people and G-d after their exile. **The Jewish people** were excusing their lacking of observance by explaining **that,** by exiling them, **G-d had divorced them.** They **claimed, "What** authority **does a husband have over his wife after divorce?",**[19] i.e., Why are we required to observe *mitzvos* in exile? G-d **answered, "Where is your mother's bill of divorce that I sent...?"**[20] The implication in His answer is that, despite the exile, the bond between Him and the Jewish people remains unbroken because **exchanging**

יֶעדֶער עֲבֵירָה קַלָּה ווֶערְט עֶר אַ נִפְרָד בְּתַכְלִית, אָפְּגֶעטֵיילְט אִינְגַאנְצְן פוּן גֶ־טְלֶעכְקַייְט, מֶערֶער ווִי קְלִיפָּה וְסִטְרָא אָחֳרָא -

אִידְן זַיְינֶען גֶעגְלִיכְן גֶעוָוארְן צוּ לֵב[יג]. אוּן אַזוֹי ווִי דִי הַארְץ, וַוייְל זִי אִיז דֶער מוּבְחָר פוּן אַלֶע אֵבָרִים, קָאן זִי נִיט סוֹבֵל זַיְין קֵיין פְּסוֹלֶת, אֲפִילוּ דַקָּה מִן הַדַּקָּה, אַזוֹי זַיְינֶען אוֹיךְ אִידְן.

דֶערְמִיט ווֶעלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁיְיכוּת פוּן כִּי תִשְׂטֶה צוּ אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה כו'.

אִידְן זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אִשָּׁה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל אוּן אִידְן זַיְינֶען דִי אִשָּׁה, אוּן דָאס אִיז אִין אַלֶע זְמַנִּים, אוֹיךְ בִּזְמַן הַגָּלוּת. - דִי נַפְקָא מִינָּהּ פוּן אִיצְטֶער בִּיז לֶעָתִיד אִיז, אַז אִיצְטֶער אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער: "בַּעַל", אוּן לֶעָתִיד: "אִישׁ" - ווִי עֶר זָאגְט אִין פָּסוּק (אַן עֶנְטְפֶער[יד] אוֹיף דֶעם ווָאס דִי אִידְן הָאבְּן גֶע'טַעֲנֶה'ט, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ זֵיי אָפְּגֶע'גֵט, וּמַה לַבַּעַל עַל אִשְׁתּוֹ לְאַחַר גֵּירוּשִׁין): אֵי זֶה סֵפֶר כְּרִיתוּת אִמְּכֶם אֲשֶׁר שִׁלַּחְתִּיהָ

---

16. Literally, meaning the "shell" or "peel" and the "other side" respectively, i.e., the forces that cause man to view the world as separate from G-d. As explained in *Tanya,* ch. 24, the reason that the separation experienced by a Jew who sins is more profound is because these forces are not violating G-d's will, as opposed to a Jew who transgresses. Furthermore, the forces of *kelipah* were created to function in this manner, while such a Jew is choosing to live without the awareness of G-d.

**17. See** ***Zohar,*** **Vol. III, p. 221b;** ***Kuzari,*** **Discourse 2, sec. 36;** ***Tanya, Iggeres HaKodesh,*** **Epistle 31.**

18. See *Hoshea* 2:18, "On that day… you shall call [Me] my Husband, and you shall no longer call Me my Master. See *Pesachim* 87a, which explains that *ishi,* "my Husband," implies a greater closeness in a relationship.

**19.** ***Sanhedrin*** **105a.**

**20.** ***Yeshayahu*** **50:1.**

**them for another nation (Heaven forbid) is** utterly **impossible.**[21]

Now, our Sages[22] **teach, "Who is a proper wife? One who fulfills her husband's will." Therefore, every transgression is significant. Even when a person violates** G-d's **will** in a manner that appears **slight – including even** the prescription, **"Sanctify yourself in what is permitted to you"**[7] **– the person is not fulfilling the will of** G-d, **the Husband. As such,** that person (whether a man or a woman) **is not** acting as **a proper "wife."**

**Therefore, when seeking to explain that every transgression causes utter separation** from G-d **and** why **even permitted matters are also significant** in that context, **the verse, "Should his wife stray...," is cited. The reason is that this is not merely a prooftext, but rather an explanation:**

**Why is even a minor transgression so profoundly significant? Because** a Jew's **soul is G-d's "wife"**; in a more comprehensive sense, this also includes **the animal soul, the natural soul,** and even **the body.** And since **"a proper wife ... fulfills her husband's will,"** even failing to fulfill **a minor** aspect of His **will is significant.**

גו׳, וָואָרוּם לְהַחֲלִיפָם בְּאֻמָּה אַחֶרֶת חַס וְשָׁלוֹם אִי אֶפְשָׁר[טו]. וּבְמֵילָא - עֶס שְׁטֵייט דָאךְ, אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ[טז], אִיז דֶערְפַאר נוֹגֵעַ יֶעדֶער עֲבֵירָה, וָואָרוּם אֲפִילוּ אַז מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַ רָצוֹן קַל, וָואס אִין דֶעם גֵייט אַרַיְין אוֹיךְ קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בְּמוּתָּר לָךְ, אִיז מֶען נִיט עוֹשָׂה רְצוֹן הַבַּעַל, וּבְמֵילָא אִיז מֶען נִיט קֵיין אִשָּׁה כְּשֵׁרָה.

דֶערְפַאר אִיז בְּשַׁעַת מֶען ווִיל דֶערקְלֶערְן, אַז מִיט יֶעדֶער עֲבֵירָה ווֶערט מֶען אַ נִפְרָד בְּתַכְלִית, אוּן אַז אֲפִילוּ דְבָרִים הַמּוּתָּרִים זַיְינֶען אוֹיךְ נוֹגֵעַ, בְּרֶענְגְט מֶען דֶעם פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ, וָואָרוּם דָאס אִיז נִיט סְתַם קֵיין רַאְיָה, נָאר עֶס אִיז אַ דֶערקְלֶערוּנְג: פַארְוָואס אִיז אוֹיךְ אַן עֲבֵירָה קַלָּה אַזוֹי שְׁטַארְק נוֹגֵעַ, ווַיְילֶע דִי נְשָׁמָה, דֶער נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, דֶער נֶפֶשׁ הַטִּבְעִית אוּן דֶער גוּף זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס אִשָּׁה, וְאֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ, דֶערְפַאר אִיז נוֹגֵעַ אֲפִילוּ אַ רָצוֹן קַל.

## A Momentary Lapse, Not Lasting Impurity

**3.** The second reason that the verse, "Should his wife stray..." is used as a prooftext for the concept that "a person will not violate a prohibition unless..." can be explained as follows:

The verse, **"Should his wife stray...," does not** speak about an instant when **we know** for certain **that** the woman had engaged in forbidden intimacy and **became impure.** Instead, the issue is **merely that "she entered into seclusion"** with the man under question. **It is quite possible that she is pure.**

ג. ב) דֶער עִנְיָן פוּן כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ, אִיז דָאךְ נִיט אַז מֶען ווֵייס אַז זִי אִיז נִטְמָא גֶעווָארְן, עֶס אִיז מֶער נִיט ווָאס וְנִסְתְּרָה, אוּן עֶס קָאן גָאר זַיְין אַז זִי אִיז אַ טְהוֹרָה, נָאר דָאס

21. See *Kiddushin* 36a; *Rashba,* responsum 194; *Rus Rabbah,* introduction 3; *Pesachim* 87a.

22. *Tanna D'vei Eliyahu Rabbah,* ch. 9, using slightly different wording.

Nevertheless, **the very fact that "she entered into seclusion" is equated with "when [she] strays" – using the word *tishteh* that shares the root letters of *shtus* ("folly") – and is termed *ma'aseh beheimah* (animal-like behavior). Because of this, she must bring an offering from** barley, **animal fodder.**[23]

**At first glance, this is not understood. Since we do not know that she became impure, we** should **be able to rely on the presumption of her propriety (*chezkas kashrus*).** After all, **most Jewish women are virtuous.**[24] **Why then is** she subjected to the *sotah* ritual and **compelled to bring an offering of animal fodder?**

**The reason for this is that the very fact that she finds herself in a situation where she can be suspected of impurity is itself an example of "animal-like behavior." A Jewish woman should never** place herself **in a situation that would give rise to suspicion.** Accordingly, **the** very act of **entering into seclusion is itself "animal-like behavior," and she is forbidden to her husband because of this alone. Nevertheless,** they are separated **only for a brief time. The reason is that she did not actually become impure, she merely entered into seclusion.** Hence, **afterwards, she becomes pure to** her husband. Moreover, having proved her innocence through the *sotah* rite, **"she will be cleared and will conceive."**[25]

**A similar** concept applies regarding the spiritual parallel: **When a Jew transgresses – which involves a *ruach shtus* ("spirit of folly") – this does not constitute** spiritual **impurity in relation to** G-d. **the Husband, because** He promised, **"I will not give My glory to another."**[26] "My glory" **refers to the Divine spark within every Jew.** That inner spark cannot be given to another, to forces separate from G-dliness. Although a Jew **had engaged in animal-like behavior, that was merely for a brief moment,** and it

אַלֵיין וואָס וְנִסְתְּרָה, הֵייסְט עֶס כִּי תִשְׂטֶה מִלָּשׁוֹן שְׁטוּת, אוּן עֶס הֵייסְט מַעֲשֵׂה בְהֵמָה, וואָס צוּלִיבּ דֶעם דַארְף זִי בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן מִמַּאֲכַל בְּהֵמָה"[יז].

אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, וויבַּאלְד אַז מֶען ווייס נִיט אַז זִי אִיז נִטְמָא גֶעוואָרְן, קָאן מֶען דָאךְ אִיר שְׁטֶעלְן אוֹיף חֶזְקַת כַּשְׁרוּת, וְרוֹב בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל כְּשֵׁרוֹת הֵן, אִיז פַארְוואָס דַארְף זִי בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן מִמַּאֲכַל בְּהֵמָה? נָאר דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דָאס גוּפָא וואָס זִי גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַזַא מַצָּב אַז מֶען קָאן אִיר חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף טוּמְאָה, אִיז דָאס אַן עִנְיָן פוּן מַעֲשֵׂה בְהֵמָה, וואָרוּם בַּיי בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל דַארְף גָאר נִיט זַיין קֵיין מַצָּב פוּן חֲשַׁד.

אוּן הֲגַם אַז דֶער עִנְיָן פוּן וְנִסְתְּרָה גוּפָא אִיז דָאס אַ מַעֲשֵׂה בְהֵמָה, אוּן אִיבֶּער דֶעם אַלֵיין אִיז זִי אָסוּר צוּם בַּעַל, אָבֶּער עֶס אִיז מֶער נִיט ווִי לְשָׁעָה קַלָּה בִּלְבַד, וואָרוּם וויבַּאלְד אַז זִי אִיז נִיט טָמֵא גֶעוואָרְן, עֶס אִיז מֶער נִיט וואָס וְנִסְתְּרָה, אִיז דֶערְנָאךְ ווֶערְט זִי צוּ אִים טָהוֹר, ווִי עֶר זָאגְט וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע"[יח].

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בְּשַׁעַת אַ אִיד אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה, וואָס דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן רוּחַ שְׁטוּת, אִיז דָאס נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן טוּמְאָה לְבַעְלָהּ, חַס וְשָׁלוֹם, וואָרוּם עֶס אִיז דָאךְ "וּכְבוֹדִי" - וואָס דָאס אִיז דֶער נִיצוֹץ אֱלֹקִי וואָס בַּיי יֶעדֶער אִידְן - "לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן"[יט], עֶס אִיז מֶער נִיט וואָס לְשָׁעָה קַלָּה הָאט עֶר גֶעטָאן אַ מַעֲשֵׂה בְהֵמָה, אָבֶּער סוֹף סוֹף אִיז

23. *Sotah* 15b.

24. See *Encyclopedia Talmudic,* Vol. 14, p. 30.

25. *Bamidbar* 5:28.

26. *Yeshayahu* 42:8.

involved only his superficial dimensions, while his inner self remained pure. As a result, **eventually,** just as the suspected wife **"will be cleared and will conceive seed,"** he also will be cleared, **because "no one will [remain perpetually] banished from Him."**[27]

**This is another reason why the verse, "Should his wife stray…," is cited when discussing the concept of the folly of the opposite side. The intent is to clarify that** although temporarily **a Jew** may slip into **the folly of the opposite side,** in truth, **that entire concept does not constitute actual spiritual impurity.** Instead, **it merely constitutes animal-like behavior for a brief moment.**

וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע, וואָרוּם לֹא יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח[כ].

אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ טַעַם אוֹיף דֶעם, וואָס בְּשַׁעַת מֶען רֶעדט דֶעם עִנְיָן פוּן שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה בְּרֶענְגְט מֶען דֶעם פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ, וואָרוּם דֶערְמִיט ווִיל מֶען מְבַאֵר זַיְין, אַז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן שְׁטוּת דִלְעֻמַּת זֶה בַּיי אַ אִידְן, אִיז דָאס נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן טוּמְאָה חַס וְשָׁלוֹם, עֶס אִיז מֶער נִיט ווִי מַעֲשֵׂה בְּהֵמָה לְשָׁעָה קַלָּה.

## Advancing Without Despair

**4.** The knowledge that any separation from G-d is merely temporary and, in essence, the Jews are G-d's faithful bride, assists a person in overcoming momentary pitfalls that he may have in Divine service.

Temporarily, he might think that **there exists a reality outside of G-dliness; this constitutes the denial of G-d's unity – a rebellion against Him. How much more so does this apply if the person has stumbled and committed a Rabbinic** transgression **and** perhaps **even a more severe one.** Now, since he has become overcome by a ***ruach shtus*** **("spirit of folly"), he might think** that there is no longer any hope for him, **as** reflected in the verse,[28] **"Zion said, 'G-d has abandoned me, and my L-rd has forgotten me.'"**

To counter this mindset, he must contemplate the message derived from **the verse, "Should his wife stray…." The wife who entered into seclusion – although she is then forbidden to her husband for a brief time – in truth, is not deemed impure.** Indeed, **afterwards, she becomes permitted to him again and, furthermore, "she will conceive seed."**

ד. וּוַיְיל ווִיבַּאלְד אַז אוֹיבּ מְ'הַאלְט אַז סְ'אִיז דָא אַ מְצִיאוּת אוֹיסֶער אֱלֹקוּת אִיז עֶס אַ כְּפִירָה בְּאַחְדוּתוֹ, אוּן בִּפְרַט אוֹיבּ מְ'ווֵייסְט אַז מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין אַ דְרַבָּנָן אוּן נָאךְ הַארְבֶּער, וואָס דָאס אִיז דָאךְ אַ רוּחַ שְׁטוּת, קָאן מֶען דָאךְ מֵיינֶען, ווִי עֶס שְׁטֵייט[כא], וַתֹּאמֶר צִיּוֹן עֲזָבַנִי ה' וַאדְנַ־י שְׁכֵחָנִי -

בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף דֶעם פָּסוּק כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ, אַז אַזוֹי ווִי דִי אִשָּׁה שֶׁנִּסְתְּרָה, הֲגַם אַז לְשָׁעָה קַלָּה אִיז זִי אָסוּר צוּם בַּעַל, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִיט קֵיין טוּמְאָה, אוּן נַאכְהֶער ווֶערְט זִי צוּ אִים צוּרִיק מוּתָּר, אוּן נָאךְ מֶערֶער - "וְנִזְרְעָה זָרַע", אוּן דִי

27. ***II Shmuel*** **14:14, using slightly different wording.** See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 4:3; *Tanya,* the conclusion of ch. 39.

**28.** ***Yeshayahu*** **49:14.**

**Concerning this, the Gemara[29] states, "If she used to give birth in pain, she will give birth easily; if she used to give birth to females, she will give birth to males." There is even one opinion in the Gemara that if she was barren, she will be** blessed with children.

**Similarly, even though a person recognizes** that he possesses **the folly of the opposite side within him, he should not be despondent. He should know that he has never become** spiritually **impure** because G-d promised, **"I will not give My glory"** – **the Divine spark within every Jew – "to another." It is only that, for a brief moment, he engaged in animal-like behavior. However, afterwards, he "will be cleared and conceive." He will experience love and fear** of G-d,[30] **and specifically conceive "male children" – i.e., love and fear** of G-d **that come through his own spiritual efforts.**[31]

**There will be a union of the husband and his wife** – which metaphorically refers to **the revelation of the *Shechinah* in the person's soul, i.e., the revelation of his soul's inner essence. This constitutes the coming of *Mashiach* in an individual sense, which** can be experienced by **each person,**[32] **and which serves as preparation for the coming of the universal *Mashiach*.**

גְמָרָא[כב] זָאגְט דֶערוֹיף: הָיְתָה יוֹלֶדֶת בְּצַעַר יוֹלֶדֶת בְּרֶוַח, נְקֵבוֹת יוֹלֶדֶת זְכָרִים, אוּן עֶס אִיז אֲפִילוּ פַּארַאן אַ מַאן דְּאָמַר אִין גְמָרָא, אַז הָיְתָה עֲקָרָה נִפְקֶדֶת;

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ, הֲגַם אַז יָדַע אֱינָשׁ בְּנַפְשֵׁיהּ דֶעם שְׁטוּת דִּלְעֻמַּת זֶה וָואס בַּיי אִים, דַארְף עֶר נִיט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ. עֶר דַארְף וויִסְן אַז עֶר אִיז חַס וְשָׁלוֹם קֵיינְמָאל נִיט נִטְמָא גֶעוָוארְן, וָוארוּם "וּכְבוֹדִי", וָואס דָאס אִיז דֶער נִיצוֹץ אֱלֹקִי וָואס עֶס אִיז פַּארַאן בַּיי יֶעדֶער אִידְן, "לְאַחֵר לֹא אֶתֵּן". עֶס אִיז מֶער נִיט וָואס לְשָׁעָה קַלָּה הָאט עֶר גֶעטָאן מַעֲשֵׂה בְהֵמָה, אָבֶּער דֶערְנָאךְ אִיז וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע, עֶר וֶועט הָאבְּן אַהֲבָה וְיִרְאָה, אוּן בָּנִים זְכָרִים דַּוְקָא, דָאס הֵייסְט אַהֲבָה וְיִרְאָה שֶׁבִּיגִיעָתוֹ, אוּן עֶס וֶועט זַיְין דֶער יִחוּד הַבַּעַל וְאִשְׁתּוֹ, דָאס הֵייסְט, גִּילּוּי הַשְּׁכִינָה בְּנַפְשׁוֹ, דֶער גִּילּוּי פְּנִימִיּוּת הַנְּשָׁמָה, וָואס דָאס אִיז דֶער בִּיאַת מָשִׁיחַ הַפְּרָטִי וָואס בַּיי יֶעדֶער אֵיינֶעם[כג], וָואס דָאס אִיז אַ הֲכָנָה צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ הַכְּלָלִי.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ג)

---

29. *Sotah* 26a; *Rambam, Hilchos Sotah* 2:10, 3:22.

30. Love and fear are metaphorically considered "children" because they are products of a person's intellectual and emotional labor. See *Tanya,* ch. 3.

31. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 232.

32. *Tanya, Iggeres Hakodesh,* epistle 4.

---

א) ה'שי"ת סעיף ג.
ב) במדבר ה, יב.
ג) סוטה ג, א.
ד) בבא קמא עד, א. בבא בתרא מא, ב.
ה) יבמות כ, א. נדה יב, א.
ו) יבמות דארט.
ז) פרק כד.
ח) זע לקוטי תורה במדבר נג, ג.
ט) יבמות סא, ב. רמב"ם הלכות איסורי ביאה פרק יח הלכה ב.
י) חלק ג רכא, א.
יא) ד"ה באתי לגני תשי"ג (בסה"מ באתי לגני ח"א וסה"מ מלוקט ח"א).
יב) רמ"א אורח חיים סימן קנ"ו און זע מים רבים תשי"ז (סה"מ מלוקט ח"א ע' נב) און אין הערה דארט.
יג) זע זהר חלק ג רכא, ריש ע"ב. כוזרי מאמר ב אות לו. אגרת הקדש סימן לא.
יד) ישעי' נ, א. סנהדרין קה, א.
טו) קדושין לו, א. שאלות ותשובות הרשב"א סימן קצד. רות רבה פתיחתא ג. פסחים פז, א.
טז) תנא דבי אליהו רבא פרק ט (בשינוי לשון קצת).
יז) סוטה טו, ב.
יח) במדבר ה, כח.
יט) ישעי' מב, ח.
כ) שמואל ב יד, יד (בשינוי לשון קצת).
כא) ישעי' מט, יד.
כב) סוטה כו, א. רמב"ם הלכות סוטה פרק ב, הלכה י. פרק ג הלכה כב.
כג) אגרת הקדש סימן ד.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie